## יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען

(טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע — זעה זייט 6.)

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 268 | Łódź, Sroda 22 listopada 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ד׳ כסלו תרצ״ד | № 268

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# ליטווינאוו ביי מוסאליני

## דער סאוויעטישער פארשטעהער פאהרט קיין רוים

פאריז, 21 (ספ. טעל.) פון רוים מעלדעט מען, אז ליטווינאוו, וועלכער וועט ארויספאהרען פון אמעריקא דעם 25-טען ד. ח. וועט פאר זיין צוריקקעהרען קיין מאסקווא קומען קיין רוים, וואו ער וועט אפהאלטען א בעראטונג מיט מוסאליניך.

## היינט דארפען זיך שטעלען אין תפיסה

### די פערמשפטע אין בריסקער פראצעס

ווארשא, 21 (טעלעפאניש) אין דער אויפפאדערונג וואס דער פראקוראר האט צוגעשיקט צו די פער׳משפטע אין פראצעס פון די אנפיהרער פון „צענטראלעוו" ווערט געזאגט, אז זיי דארפען זיך שטעלען אין מאקאטאווער תפיסה אויף ראקאוויעצקא 37.

דער טערמין פון צושטעלען זיך ענדיגט זיך היינט, א טייל פון די פערמשפטע און נעמליך: וויטאס, באגינסקי, קערניק, פראגער און ליבערמאן געפינען זיך אין אויסלאנד, בארליצקי, טשאלקאש, דיבוא מאסטעק און פוטעק געפינען זיך אין לאנד.

היינט דארף דער אדוואקאטען-ראט ערלעדיגען די פראגע וועגען שטרייכען פון דער אדוואקאטען-ליסטע ליבערמאנען און פראגערן אין צוזאמענהאנג דערמיט וואס ביידע האבען פערלוירען די בירגער-רעכט.

## בריטישע אקציע געגען די אימיגראציע-בעגרענצונגען פאר יודען אין ארץ-ישראל

### נעממט אן דער ועד הקהלות אין ענגלאנד

לאנדאן, 21 (יט״א טעלעגראפיש) „באארד אף דעפיוטיס" האט אפגעהאלטען א זיצונג, אויף וועלכער ס׳איז בעהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען די לעצטע אימיגראציע-בעגרענצונגען פאר יודען אין ארץ-ישראל. ס׳איז בעשלאסען געווארען אנצוהויבען א בריטישע אקציע אין דעם ענין.

## די סאוויעטען זאלען אנערקענט ווערען

### אויך דורך בעלגיען, טשעכיען און האלאנד

ריגא, 21. (ספ. טעל.) דא זענען אנגעקומען ידיעות, אז די פאליטישע סאוויעטישע קרייזען דערווארטען אין די נאהענטסטע טעג אנצוקניפען אונטערהאנדלונגען מיט טשעכיען וועגען אנערקענען סאוויעט-רוסלאנד דורך טשעכאסלאוואקיי. די דאזיגע קרייזען האפען אויך, אז סעדעלעו רעוויליס ווערען די בעציהונגען צווישען די סאוויעטען און בעלגיען און האלאנד.

די סאוויעטישע פרעסע טיילט מיט, אז בעלגיען איז מסכים ארויסצושיקען איהר פארשטעהער קיין רוסלאנד און וויל אנקניפען דירעקטע ווירטשאפטליכע און פאליטישע בעציהונגען.

KINO DZWIĘKOWY „CZARY"

גרויסער יום-טוב פאר די יודישע קינא-בעזוכער!

קלאנג-קינא „טשארי"

דער ערשטער 100% רעדענדיגער און זינגענדיגער פילם אין דער יודישער שפראך! די הערליכע ביבלישע טראגעדיע

„יוסף אין מצרים"

ווערט שוין מארגען, דאנערשטאג דעמאנסטרירט אין פאפולערען קינא „טשארי"

אויסערן פראגראם: וועט דער בעריהמטער ניו-יארקער אויבער-קאנטאר וואלדמאן מיט זיין גרויסען כאר זינגען „כל-נדרי" — דאס ליד פון יודישען הארץ.

ווירכטיג פאר דער לאדזער בעפעלקערונג

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז ס׳איז ערעפענט געווארען דאס

אמבולאטאריום

ביים פעראיין „עזרת עניים"

נארלודקא 8, טעל. 153-99

וואו ס׳ווערט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפ׳ן ארט פון 9 פריה ביז 7 אוו.

שיקט ארויס דאקטוירים - ספעציאליסטען מיט וויזיטען אהיים

ווי אויך דענטיסטישע הילף

זאשטשיקעס אין דער אמבולאטאריע און אויסער דער אמבולאטאריע פאר א מינימאלען אפצאהל.

נעהמט אויך אן געבורטען און אלע ארט אנאליזען. מינימאלע אפצאהלונגען. די פערוואלטונג.

אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישע פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אוונד.

ווארנונג!

דערמיט ווארן איך מיין לאקאטאר חיים רוזשיצקי, גדאנסקא 21, אז ער זאל גוטוויליג לעדיג מאכען די וואוינונג, ווייל ער איז מיר שולדיג פאר 8 קווארטעל דירה-געלד ביז׳ן 25. ד. ח. אין געגענפאל וועל איך געצוואונגען זיין אויסצופיהרען די עקסמיסיע און וועל נישט טראגען קיין שום אחריות.

הויז-בעזיצער פון גדאנסקא 21

6333

אגודה לזמרה ולספרות עברית „הזמיר"

פילהארמאניא-זאל, נארוטאוויטשא 20

דער גרויסער קאנצערט פון מענער-קינסטלער-כאר מיט׳ן אנטייל פון אויבערקאנטאר

ישראל אלטער

קומט פאר היינט, מיטוואך, ד. 22 נאוו. 9.30 אוונד

די געקויפטע בילעטען זענען גילטיג.

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון „פילהארמאניע" און אין „באר ווארשאווסקי" אגראדאווא 2 און נאוואמיעסקא 19.

Dr. med.

Haltrecht

ספעציאל-ארצט פאר הוים-און געשלעכטס-קראנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

נעמט אן פון 8—1 מיטאג און פון 6—9 אוונט.

זונטאג פון 10—1 בייטאג.

אלע ארט אנאליזען.

פאר ארבייטסלאזע לעטשניצע-פרייז.

היינט ווערט געעפענט די

רעטראספעקטיווע אויסשטעלונג

פון יצחק ליכטענשטיין׳ס בילדער

אין לאקאל פון דער „יודישער געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט", וואלטשאנסקא 35.

די אויסשטעלונג וועט זיין אפען נאר 5 טאג פון 6 ביז 10 אוונד. איינטריט פריי.

Dnia 21 b. m. zmarł

B. P.

**Salomon Rakiszski**

LEKARZ DENTYSTA

wieloletni wiceprezes Łódzk. Tow. Odontologicznego, i Łódzkiego Oddziału Związku Lek Dent. w P. P. oraz założyciel i prezes Spółdzielczej Kasy Wzaj. Pomocy przy Zw. Lek. Dent.

Wyprowadzenie zwłok odbędzie się dziś, dnia 22 b. m. o godz. 2 po poł. z domu przedpogrzebowego.

Zarząd Łódzk. Oddz. Zw. Lek. Dent. w P. P.
Zarząd Spółdzielczej Kasy Wzaj. Pomocy.

